STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11192

MAYN KINDS BRIV

Yehoshua Lender

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יהושע לענדער / מיין קינדם בריוו

פאריז 1961

יהושע לענדער

איינבונד, שער-בלאט,
צייכענונגען פון בען

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט
דער מיטהילף פון דער ראַדאָמער
לאַנדסמאַנשאַפט אין פּאַריז.

פארענדיקט צו דרוקן אין אקטאבער 1961 אין דער
דרוקעריי וואג, 176 קעי דע זשעמאפ, פאריז

I. LENDER — MAYN KINDS BRIV
LA LETTRE DE MA FILLE (POÈMES)
TOUS DROITS RÉSERVÉS
COPYRIGHT BY I. LENDER, PARIS
IMPRIMERIE VOGUE
176, QUAI DE JEMMAPES, PARIS 10e

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מײַן
פרוי מרים־דאָברע, מײַן טעכטערל
חיהלע, בײדע אומגעקומען אין
אויגוסט 1942 אין אױשװיץ;

מײַנע שװעסטער: אסתּר, חוה,
חיה־שׂרה; מײַנע ברידער: יוסף,
מאיר־שמואל, הירש־מרדכי; מײַנע
שװאָגערס: מענדל, אברהם, יעקב;
אומגעקומען מיטן זעלבן טויט װי
די דרײַסיק טויזנט ייִדן פון מײַן
טײַערער הײמשטאָט ראַדאָם.

חיהלע לענדער

יולי 1930 ראַדאָם — אויגוסט 1942 אוישוויץ

דעם 12־טן מאַי פון יאָר 1942, אין זונפאַרגאַנג, האָב איך צום לעצטן מאָל געזען מיין פרוי און קינד. זייערע פנימער זענען געווען געל, גרין און רויט. זיי האָבן געהאַט דעם קאָליר פון רעגן־בויגן.

מיר איז מערערע מאָל געלונגען אַדורכצוגיין די דעמאַר־קאַציע־ליניע צווישן די ביידע זאָנעס אין פראַנקרייך. מיין פרוי און קינד האָט די דייטשע גרענעצוואַך צוגענומען...

כ׳בין פיל מאָל געווען אין די הענט פון תלין. אָבער כ׳האָב בשום אופן נישט געוואָלט אונטערשרייבן דעם טויטאורטייל. כ׳האָב נישט געוואָלט רעזיגנירן פונעם לעבן, זיך אַלע מאָל געראַנגלט מיטן גורל. דאָס לעבן האָט מיך אַלע מאָל גערופן, כ׳זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם טויט. דער ווילן צום לעבן איז געווען אַזוי שטאַרק. הגם אַזוי פיל אַנדערע, וואָס האָבן אויך געהאַט דעם ווילן צו לעבן, האָבן נישט דערלעבט...

אויב מיר איז געלונגען צו אַנטלויפן פון תלינס הענט, האָב איך אָבער נישט געקאָנט אַנטלויפן פון די קאָשמאַרן־יאָרן, פון שוידערלעכן יידישן סך־הכל. בעת מיינע אַרומוואָגלענישן איבער פראַנקרייכס ערד, איבער זיינע פעלדער און וועלדער שטעט און דערפער, האָט זיך תמיד געריסן דער שווערער זיפץ פון מיין געמיט.

יהושע לענדער

כ׳האָב נישט געהאַט פאַר װעמען אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן. די פויערים האָבן נישט קלאָר פאַרשטאַנען, װאָס דער ייד שטעלט פאַר. אַ טייל האָבן אַפילו מורא געהאַט אים אַריינ־צולאָזן. מען האָט געדאַרפט האָבן אַ רעקאָמענדאַציע פון אַ פּראָװיזישן באַקאַנטן, כדי צו באַקומען אַרבעט.

נאָר אומעטום זענען אין פראַנקרייך געװען מענטשן, צו העלפן אַ פאַרפאָלגטן. אַדאַנק זיי בין איך ניצול געװאָרן. און איך טראַכט תמיד מיט אַ טיפער דאַנקבאַרקייט װעגן פראַנצױזישן פאָלק. אָבער װאָס ס׳האָט זיך דעמאָלט געטון אין מיין נשמה, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין...

אַלץ איז געװען פרעמד. דער גורל פון מיין פרוי און קינד איז שוין געװען געחתמעט... דער גורל פון מיין היימשטאָט יידן אויך, צװישן זיי מיינע ברידער און שװעסטער און אַן אַ צאָל קינדערלעך זייערע.

אַלע װעגן זענען פאַר מיר געװאָרן גרויליק. כ׳האָב אָפּט געמוזט בייטן דאָס אָרט. נאָר דער געװיין פון מיין קינד האָט זיך נישט געביטן. ער איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. כ׳האָב אים געהערט אויף אַלע װעגן. ער איז געװען אַזוי שטאַרק, אַז ער איז מיר תמיד געבליבן אין די אויערן און די טרערן אין מיינע אויגן. זיי האָבן ביי מיר געמאָנט, כ׳זאָל פאַרשרייבן.

װען כ׳האָב געשריבן די ערשטע לידער, אין די יאָרן 1941—1944, האָב איך אַפילו טראַכטן נישט געקאָנט, אַז זיי

— צוזאַמען מיטן מחבר — וועלן נאָך ווען נישט איז דער־זען די ליכטיקע שיין. כ׳האָב געשריבן, איבערגעשריבן, נישט געקאָנט אַרויסברענגען אין פּראָזע דאָס, וואָס מען קאָן אַרויס־ברענגען אין לידער. מיין קינדס טרערן האָבן פאַר מיר גע־שריבן. דורך אירע לויטערע טרערן און מיין ווייטיק בין איך געגאַנגען פון שורה צו שורה און האָב צונויפגעשטעלט דעם „נדן״, כאָטש איך ווייס, אַז דער „נדן״ פון מיין קינד איז צו קליין... כ׳האָב די לידער געליייענט פאַר זיך אַליין און כ׳האָב זיך אַלע מאָל געפרעגט, צי איז דער חשבון גענוג, איז דער אָפּצאָל גענוג? וויפל בין איך נאָך שולדיק? מיט וויפל בלוט דאַרף איך נאָך צאָלן?

די דאָזיקע פראַגע דריקט כסדר אויף מיין געמיט. און אפשר האָט דאָס אויך מיך באַוויגן אַרויסצוגעבן אָט די לי־דער, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער צייט פון דער דייטשישער הערשאַפט אין פראַנקרייך און אַ טייל לידער פון נאָך דער באַפרייאונג.

זאָל די דאָזיקע מצבה צווישן טאָוולען זיין אַ דענקמאָל פאַר אַלע מיינע נאָענטע, פאַר אַלע פון מיין היימשטאָט, פאַר אַלע פון מיין שטאַם. און די שווערסטע קללה אויף די רוצחים פון מיין אומגעבראַכטן פאָלק!

דער מחבר

מיין קינדס בריוו

דײַן נישט־פֿאַרענדיקטער בריוו ליגט אויף מײַן קאָמאָד;
פֿאַרבליבן איז אויף אים נאָך פֿון דײַן טרער אַ פֿלעק.
דאָס נישט־דערזאָגטע איז פֿאַר מיר אויף שטענדיק אַ געבאָט
און כ'זוך אַרום דײַן נישט־פֿאַרענדיקט וואָרט אויף יעדן וועג.

דײַן בריוו איז הייליק מיר, ווי פֿאַר אַ פֿרומען ייִדן קדושה;
איך לייען אָפֿט אים און איך אָטעם זײַן פֿאַרפֿום.
אָט דאָס איז מיר פֿאַרבליבן, קינד מײַנס, דײַן ירושה,
און איך טראָג און טראָג עס אומעטום מיט מיר אַרום.

דײַן אַש דער הייליקער ער פֿליט אַרום און זוכט זײַן קבורה,
דײַן כתב דער הייליקער איז דײַן נשמה'ס איינציק אָרט;
דו פֿירסט אַרום מיך בײַ דער האַנט פֿון שורה צו אַ שורה
ביז צום נישט־פֿאַרענדיקטן, צום נישט־דערזאָגטן וואָרט.

איך זע דיך, ווי דו פֿליסט אויף ווײַסע פֿליגל,
ווי דורך מײַן פֿענצטער קוקסטו יעדע נאַכט אַרײַן.
כ'האָב אויף דײַן בריוו אַרויפֿגעלייגט מײַן האַרץ — אַ זיגל, —
און כ'פֿיר אים קיין ישראל איצט, כדי מקבר זײַן...

פּאַריז, יולי 1948

יהושע לענדער

אויף דער שיף „קדמה"

אויף דער שיף „קדמה" איך שטיי און הער
אַ הוירא — אַ געזאַנג פון שטאָלץ און רום;
אין האַרצן ברענט מײַן קינדס אַ טרער,
וואָס באַגלייט מיך אומעטום.

מײַן קינדס טרער כ'האָב אויסגעשליפן
און שפּיגל זיך תמיד אין דעם געוויין;
איך טו זיך איבער ימען שיפן
און זוך די שפּור פון מײַן קינדס געביין.

איך שווים צום לאַנד פון די אבות און כ'שווער:
מײַן חיהלעס כתב אין אַ גוף צו פאַרוואַנדלען,
און פון איר הייליקער לעצטער טרער
פאַרפלאַנצן ראָזשינקעס מיט מאַנדלען.

צום אויסגעבענקטן לאַנד, צום הימל דעם בלאָען
זענען מײַנע בליקן שטומערהייט געריכט,
און צו די פעלדער, ווו אין אָוונט־שעהען
די זאַנגען טרוימען אין שקיעה־ליכט.

אויף דער שיף „קדמה“ מיט מײַן קינדס אַ טרער,
וואָס לויכט אַזוי ווי די זון פון מײַן לעבן,
צום לאַנד פון די אבות שטרעבט היים מײַן באַגער,
די ערד זאָל איר ברכה מיר געבן.

מאַי 1949

יהושע לענדער

אויפן בית-עלמין פון קיבוץ מזרע

אויפן שטילן בית-עלמין פון מזרע
צווישן פרישע גבורים-קברים
אין לאַנד ישראל
האָב איך געגראָבן אַ קליינעם קבר
פאַרן לעצטן כתב פון מײַן קינד.
כ׳האָב דעם כתב אין אַ גוף פאַרוואַנדלט
און דער טאָג האָט אויסגעוויינט
מײַן לעצטע טרער.
מײַן האַרץ איז ווי מײַן אויג
געוואָרן טרוקן.
טרוקן ווי אַ שטיין אין מדבר.
אָ וויי, מײַן שטומער צער
פאַרקלעמט מיט יסורים שטומע.

אַרום די בערג פון נצרת
האָבן די אויפגייענדיקע שטערן
גענומען ציטערן.
געווען זענען זיי ווי עדות,
וואָס טענהן שטומערהייט:
מיר האָבן אַלץ געזען — — —

Benn

כ'האָב מײַן האַרץ געבעטן:
ברען מיר אויס אַ ליד,
ס'זאָל שנײַדן שאַרפער
פון אַלע שאַרפסטע ווערטער.
זאָל מײַן צער, מײַן שטילער וויי
צערײַסן מײַן האַרץ אויף שטיקער.
מעג אַפילו יעדער אות
שפריצן מיט בלוט.
מעג אויך מײַן ווונד ווערן צעריסן...
ברען אויס, מײַן האַרץ, דאָס ליד!

קיבוץ מזרע, מאַי 1949

מיין קינדס פאָרטרעט

מײַן קינדס פּאָרטרעט
הענגט אין גאָלד גערעמט
נישט ווײַט פון מײַן בעט.
עס קוקט אַראָפּ פאַרשעמט.

ווען כ'קום אַהיים שפּעט,
אָפּטמאָל אין מיטן נאַכט,
קוקט אויף מיר דער פּאָרטרעט,
קוקט אויף מיר פאַרטראַכט.

מיט אַ בוך אין דער האַנט
זי זיצט אויף אַ שטיינערנער באַנק,
אויף איר קינדערשער וויִע
פּערלט אַ טרער נאָך באַנג.

איך גלעט אָפּט איר פּאָרטרעט
און וויש אוים זאַכט איר טרער;
און מײַן חיהלע רעדט
זי רעדט — און איך, איך הער.

ס'פֿאַלן פֿון איר מויל
די ווערטער שטיל ווי שייַן,
און אַלץ פֿאַרברענט אויף קויל
די גרויסע, גרויסע פּייַן.

איך וויין און ציטער בלויז,
ווען איר מויל מיר רעדט.
איר האַרץ — אַ יונגע רויז —
לעבט אויף אין איר פּאָרטרעט.

איך הער צו אירע טריט,
כ'זע איר נשמה קלאָר,
וואָס ליבלעך האָט געבליט
ווי אירע צוועלף יאָר.

פּאַריז, יולי 1945

מיין קינדס נדן

כ'האָב קיין מאָל נישט געטראַכט זיך אָפּצושמדן,
תמיד אָפּגעהיטן פון מײַן אומה דאָס געבאָט;
איצט גיב איך מײַן דערמאָרדעט קינד אַ נדן,
לידער פון מײַן האַרצוויי, אָ, מײַן גאָט!

יעדער פאָטער גיט אַ נדן דאָך זײַן קינד,
וואָס־זשע, וואָס־זשע זאָל איך איצט אים געבן?
בלוטיקט אין מײַן האַרצן, ווי אין ווינד,
אוי, אַזעלכן נדן צו דערלעבן...

קאָן איך פון די לײַדן נישט אַנטרינען,
און אויב אַפילו יאָ, צי מעג מען עס?
כ'האָב געפּרוּווט און קאָן קיין ערגעץ נישט געפינען
קיין ברעקל רו, קיין ברעקעלע פאַרגעס.

יאָגן מיך אַרום די וויסטע ווינטן,
וויינען מײַנע וויטיקלעכע גלידער,
די לעצטע שײַן פון אויג מײַנעם דעם בלינדן
לייג אַרײַן איך אין די לעצטע לידער.

ווער ווייס ווען, ווער וועט קאָנען דאָס פֿאַרשטיין,
אַז אין דעם נדן מיינע אָדערן פֿאַרבלוטן,
איך הער נאָך אַלץ מיין קינדס געשריי, געוויין
אין דער שעה — זעכציק מינוטן.

כ'האָב קיין מאָל נישט געטראַכט זיך אָפּצושמדן,
מיין גלויבן קיין מאָל נישט געהאַלטן ווי אַ סוד;
איצט גיב איך מיין דערמאָרדעט קינד אַ נדן,
לידער פֿון מיין האַרצוויי, אָ, מיין גאָט!

פּאַריז, יולי 1946

יהושע לענדער

דאָס פאַרשעמטע חופּה-קלייד

גענעפנט האָט דער טאָג היינט העל זיין טויער
און האָט מיך אויפגעוועקט צו צייט ;
איך האָב געציילט די יאָרן דיינע אין מיין טרויער
און שטום געגלעט פיר מעטער ווייסן זייד.

איך האָב געזען, ווי דיין נשמה איז געשטאַנען
אין אַ ווינקל ביי דער טיר פאַרשעמטערהייט ;
זי האָט נישט, בשום אופן נישט, פאַרשטאַנען,
פאַרוואָס זי וועט נישט טראָגן קיין מאָל נישט איר חופּה-קלייד...

מיין קינד, וואָס האָסט געטרוימט אַזוי דאָס קלייד צו טראָגן,
דיין מאַמע, זאָל דיך צו דער חופּה פירן ביי דער האַנט,
איך הער דיך אין דער שטילקייט יאָמערן און זאָגן :
טאָ זאָל די וועלט באַגראָבן זיך פאַר בושה און פאַר שאַנד...

די יאָרן וועלן גיין, ביז איך וועל זיין פאַרשוווּנדן,
און אָפט נאָך, וועל איך גלעטן אָט דעם ווייסן זייד.
און דיין נשמה בלייבן וועט צו מיינער צוגעבונדן
און לעבן דאָרטן איר נישט-אויסגעלעבטע צייט.


Benn

עס האָט דער הימל הײַנט געעפֿנט העל זײַן טויער
און צו דער צײַט מיך אויפֿגעוועקט, איך זאָל זײַן גרייט ;
איך האָב געציילט דײַן קורצינקן, נישט-אויסגעלעבטן דויער
און די זון מיט שטראַלן האָט גענייט דײַן חופּה-קלייד...

24-טער יולי 1947

דאָס ליד פון פיטיווייע

נישט אין אַ קוזשניע
בין איך אַ שמיד,
פון אײַזן און שטאָל
שמיד איך אַ ליד.

שמיד איך פאַר אײַך
דאָס געזאַנג פון דער קייט,
וואָס קלינגען אײַך זאָל
אין ווײַטעסטער ווײַט.

ווײַט זאָל ער קלינגען
מײַן ניגון פון קייט,
איין רינגל צום צווייטן
צוזאַמענגעלייט.

נישט זוכן זאָלט איר
רחמנות, צי טרייסט.
שמידט אײַך אַליין
אַ שטאָלענע פויסט!

פון אײַזן און שטאָל
שמידט אײַך דאָס ליד
אין פּיטיװיער לאַגער
אַ ראַדאָמער ייִד.

פּיטיװיע, יוני 1941

יהושע לענדער

אַליין

אויף די בלעטער פון די ביימער
פאַלן מאָרגנליכט־בריליאַנטן,
און זיי פינקלען אויף מײַן פענצטער
דורך די ברייטע לאָדן־שפּאַלטן.

און זיי פאַלן אויפן בעטל,
וווּ מײַן פרוי דאָס קינד פלעגט גלעטן...
מײַנע אויגן פול פון שלאָף
זוכן, זוכן אָן אַ סוף.

און איך זע דאָרט אויף דער וואַנט,
אַן אָנדענק איז מײַן קינדס געבליבן:
אויפן רעמלס שוואַרצן קאַנט
האָט מײַן טעכטערל געשריבן.

עס דערציילט די וואַנט מיר שטום,
אין האַרצן גרעסער ווערט דער וויי;
די זונען־שטראַלן פאַלן קרום —
וווּ זענען זיי... וווּ זענען זיי...

סען-זשערמען דע פּאָסע, לעבן ווישי, יולי 1942

שניי אין דער קרעז

די גאַנצע געגנט האָט צוגעדעקט אַ שניי,
די זון זי האָט זיך ערגעץ־ווּ פֿאַרשלאָסן.
ס'העלפֿט נישט קיין גערייד און קיין געשריי,
ס'העלפֿט דאָ נישט קיין ביילן מיט די פֿויסטן.

מיט מידע פֿיס איך שפּאַן אַדורך די שנייען,
און לאָז דאָ איבער טיפֿע צייכנס פֿון די טריט;
זיי ליגן אויס זיך אין צוויי לאַנגע רייען,
ווי אַן אָנדענק פֿון אַ וואַנדער־ייִד.

קלאָר און שטום דער שניי איז אין דער שיין,
די קעלט די פֿלאַמיקע זי גיסט זיך און זי זידט.
איך רעד און רעד צו זיך נאָר פֿון מיין פּיין,
נאָר פֿאַלט זי טיפֿער נאָך אין מיר און ברענט און בריט.

די גאַנצע געגנט האָט דאָ צוגעדעקט אַ שניי,
און מיך האָט צוגעדעקט געדיכט דער טרויער.
דער הימל הענגט אַרונטער שווער ווי בליי...
אָ, גרויסער מוט! האַלט אויף מיך אין מיין דויער!

דעצעמבער 1942

יהושע לענדער

אויפן וועג קיין דראַנסי

דאָס בלוט אין מענטשן שוימט,
אוי, ווי צום לעבן עס ציט!
אין פרידן צו לעבן מען טרוימט,
נאָך מער ווען מען ליידט ווי אַ ייִד.

נישט יעדערער לעבט אויס זיין צייט...
נאָר אויסגיין אַזוי ווי אַ שטערן —
דער ייִד נאָר ער בייט און ער בעט,
ווען וועט ער אַ מאָל גליקלעך ווערן?

דער שאָטן ער הייבט אָן צו טראַכטן,
ער וועגט אָפּ די שרעק אויפן לויט;
אין פינצטערע טעג און פאַרנאַכטן
ער שטעלט זיך אַנטקעגן דעם טויט...

אויפן וועג קיין דראַנסי, פעברואַר 1943

אַ בריוו

שרײַב, מײַן פעדער, שרײַב אַ בריוו
צו דעם גרויסן וועלטאַרכיוו ;
עס קאָן געשען, ס'זאָל זײַן באַשערט
זאָלסט האָבן אַרכיוואַלן ווערט.

איך פאָר אין אַ וואַגאָן, וואָס גייט דעם לעצטן וועג,
וווּהין ? פאַרוואָס ? וואָס טון ? איך פרעג און פרעג ;
עס ענטפערן פון אויגן נאָר די שטאַרע קאַרבן,
זעקס און פופציק יִדן פּירט מען דאָ צום שטאַרבן.

די פעלדער דרייען זיך און דער וואַגאָן ער לויפט,
דאָס האַרץ עס קלאַפּט אַזוי, דער מוח ברענט, זיך שרויפט ;
ווער קאָן דערציילן דען דעם צער דעם שווערן,
שטומע אויגן־לעכער, טרוקענע, אָן טרערן.

שרײַב, מײַן פעדער, שרײַב און שרײַב,
די מרה־שחורה פון מײַן אויג פאַרטרײַב ;
שיין איז דאָס לעבן, טײַער איז דער מוט,
צו אַכט און דרײַסיק יאָר ווי שוימט נאָך היים דאָס בלוט.

יהושע לענדער

אזוי ווי אַ וואַגאָן ער קאָן נישט תמיד גיין,
די רעדער זענען אינעם מיטן וועג געבליבן שטיין;
זעקס און פופציק יאָרן אין אַ יִאוש שטומען —
איך אַליין, נאָר איך אַליין איך בין אַנטרונען.

די וועלט געווען איז פאַרמאַכט, פאַרשפּאַרט, פאַרהאַקט,
נאָר איך, כ'האָב פאַרט דעם שפּרונג פון באַן געוואַגט,
מיט כוח צו דעם לעבן כ'בין געגאַנגען
דורך פינצטערניש, און וויסטעניש, און באַנגען.

איצט וואָגל איך אַרום, אין האַרצן בלייִיק־שווער,
און ביטער־שטעכיק איז אין אויג די טרער!
דער ווינט ער לויפט און הריזשעט מײַנע ביינער,
פון זעקס און פופציק יאָרן בין איך איינער, איינער...

דער ווינט האָט אָנגעטון מיר פליגלען אויף די הענט,
אַ העליש פײַער האָט אין מײַנע טריט געברענט,
די טרער פון יעדערן, מעג זײַן פון דעם, פון יענעם,
דער לעצטער וועג — איך האָב געזען כ'גיהנום.

נאָר נישט געבויגן זענען פּאָרט מײַן רוקן, מײַן געמיט,
פון צער און פּײַן איך שמיד מיר אויס אַ ליד,
אַ נײַע וועלט וועט ווען נישט־איז דערשײַנען,
אַ נײַע זון וועט לאַכן און וועט שײַנען.

שרײַב, מײַן פעדער, שרײַב אַ בריוו
צו דעם גרויסן וועלטאַרכיוו,
עס קאָן געשען, ס'זאָל זײַן באַשערט,
זאָלסט האָבן אַרכיוואַלן ווערט...

סען־מאַרעל (קרעז), מערץ 1943

ווי אַ פויער אַנגעקליידט

ווי אַ פויער אָנגעקליידט,
פון מײַן שאָטן נאָר באַגלייט,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט
אויף די וועגן אומבאַקאַנט.

איך גיי און רעד צו זיך אַליין,
נאָר מײַן שאָטן הערט זיך אײַן;
עס האָרכן צו די שטומעביימער,
אַז איך האָב שוין נישט קיין היים מער.

איך קאָן נישט מער אין ערגעץ זײַן,
איך מוז נאָר גיין און גיין און גיין,
אַלץ איז פרעמד מיר דאָ, נישט אייגן,
מוז איך גיין און גיין און שווײַגן...

אין געדאַנקען כ'בין פאַרזונקען,
ס'פעלד זיך נעמט אין טונקל טונקען;
פינצטער, פינצטערער נעמט ווערן,
ס'צינדט זיך אָן דער אָוונט־שטערן.

א שטראַל פון שטערן אויף מיר פאַלט
און פירט אַרײַן מיך אינעם וואַלד;
ווי ריין בין איך פון היים און פרייד,
פון מײַן שאָטן נאָר באַגלייט...

שאַטעז (קרעז), מערץ 1943

יהושע לענדער

סדר־נאַכט

אָן הגדה, אָן מצה־שמורה
כ'האָב געפּראַוועט אַ סדר־נאַכט ;
כ'האָב מײַנע אויגן געהאַט פֿאַרשלאָסן,
אָבער גוט געזען מײַן טאַטן, אָנגעטון אין קיטל
מיט דער פֿינקלדיקער גילדענער עטרה,
און מײַן מאַמע אויך, אַן אויסגעפּוצטע און אַ קלאָרע.

מײַן טאַטנס מאָגערע געגרינצלטע הענט
האָבן, ווי עס זיך געהערט אין סדר־נאַכט,
באַרירט די חרוסת, כרפּס און מרור...
ווען מען איז געקומען צו די קשיות,
האָב איך מײַנע אויגן אויפֿגעמאַכט
און די קשיות געפֿרעגט בײַ זיך אַליין.

מה נשתנה — איז דאָס חלום אָדער וואָר,
אַז הײַנט אין אָוונט איז באמת סדר־נאַכט ?
איז הײַנט פּסח אָדער אינדערוואָכן ?
אין סדר־נאַכט אַ ייִד אַליין, אַליין...
גאָט אין הימל, איז דאָס דײַן געבאָט
צו טרינקען טרערן אַנשטאָט ווײַן ?

אין מײַן מאַמעס צאַרטע ציטערדיקע רייד
כ׳האָב גאָרנישט מער דערקענט קיין טראָפּן פרייד.
איר בליק געוואָרן איז פון פּײַן פאַרשטאַרט.
כ׳האָב געקוקט אויף מײַן מאַמען, און געוואַרט,
צום הימל שטום געקוקט,
גוט זיך אײַנגעהערט, געטראַכט, געוויינט,
נישט פאַלן זאָל אויף מיר די נאַכט...

סאַן-זשעניען לאַ ברעזשער (קרעז), אַפּריל 1943

אין וואַלד בוא-סאַלעי

פינצטער חושך איז דער הימל,
ס'הענגט אַ דריקנדיקע מורא,
ס'ליגט דער וואַלד אין שווערן דרימל, —
פאַלט אויף מיר אַ מרה־שחורה.

קאַלט איז אין דער נאַכט און פײַכט דאָ;
ס'ברומט מיט כעס און קלאָגט ד'ער ווינט;
פײַער־ליכט דערלאַנגט אַ לײַכט דאָ,
כ'הער דאָס בילן פון די הינט...

צו מײַן באַהעלטעניש אַלץ נענטער,
נישטערט אין די ביימער־בלעטער, —
הימלס טונקעלע געוועזנטער,
שוואַרצער הימל, זײַ מײַן רעטער.

הימל שוואַרצער, בלײַב פאַרהאַנגען!
כ'וועל בײַ אַלעם דיך באַשווערן,
היל מיך אײַן אין נאַכט, אין באַנגען,
צינד נישט אָן קיין העלן שטערן!

גרויסער הימל, זאָלסט פאַרגעבן,
זאָל דאָס זײַן אַפילו חוצפה, —
פאַר אַ ייִד איז הײַנט דאָס לעבן
שטאַרקער פון דער גרעסטער מצווה...

יוני 1943

יהושע לענדער

אין באַנגאַנער וואַלד

אויסגעצירט איז די בלויע נאַכט,
די שטערן אין הימל שימערירן ;
די לבנה מיט אַן אָפּן מויל מיר לאַכט,
אַ האַרץ אַ ייִדישע צו רירן.

אַ ייִד ער ליגט דאָ, צוגעדעקט
מיט די שאָטנס פֿון די ביימער ;
דאָס שטערן־ליכט אים ווידער שרעקט,
אין דרימל הערט ער אויף צו טרוימען.

די אויגן עפֿנט ער און זעט,
די שטערן ציטערן און צאַנקען.
די ליפּן מורמלען אין געבעט :
לעשט אויס אײַך, שטערן ! שטילט מײַן באַנגען !

די נאַכט ברענגט אָן אַ שטורעם־ווינט,
אַ ווינט איז אויך פֿון ייִדן פֿרײַער.
אַ טרער פֿון ייִדנס אויגן רינט,
איצט קאָן ער גיין אין וועג אַ נײַעם.

װידער שפּאַנען זײַנע מידע פיס;
דער טאָג קומט אָן, ער הייבט זיך אָן צו אײַלן.
אַרויס פון שטורעם־ווינט ער איז,
באַלויכטן דורך די זונען־שטראַלן...

באַנגאָן (שער), יולי 1943

יהושע לענדער

צוריק אין פּאַריז

איך שפּאַן איבער פּאַריזער גאַסן,
מײַנע טריט הערט נאָר די נאַכט.
אין לבנה־ליכט דעם בלאַסן
איך קוק אַרײַן פאַרטראַכט.

צום צערטלעכן ליכט פון לבנה
איך ריכט מײַנע אויגן שטום;
די גאַסן, די הײַזער דערמאָנען,
ס׳דערמאָנט יעדער ראָגשטיין אַרום.

איבער מיר שימערן שטערן,
ס׳איז שטיל, שוין שפּעטע נאַכט.
עס וויל מיך דאָ קיינער נישט הערן,
אַלץ איז פאַרהאַקט און פאַרמאַכט.

אַ פרוי אַ בלייכע, אַ טריבע
גיט מיר אַ שטילן באַריר,
און מורמלט: כ׳בין אויך געבליבן,
און פירט מיך אַרײַן צו איר.

אויף פּאַריזער גאַסן פּול ליכטער
מײַן שאָטן אַליין מיך באַגלייט.
מײַן בליק איז צו קיינעם געריכטעט,
ווײַל קיינער, ווײַל קיינער פאַרשטייט...

סעפּטעמבער 1944

יהושע לענדער

אין איינזאַמקייט

ס'איז מײַן היים געוואָרן פּוסט און לער;
בלויז דער אָנדענק וויל נאָך נישט פאַרשווינדן.
איך ליג דאָ אויף אַ שטרויזאַק שטיל און קלער,
מיט וויפל פּעדעם קאָן דאָס לעבן איינעם בינדן.

מיר זענען דאָ געווען, באַנאַנד געזעסן,
מיר האָבן דאָ געשטיפט און דאָ געלאַכט...
אָ, יעדעס ווינקל לאָזט עס נישט פאַרגעסן,
מיר האָבן דאָ די יוגנט אונדזערע פאַרבראַכט.

די בענקשאַפט עפנט גרוים אויף מײַנע אויגן,
עס יאָגט מיר נאָך אַ בליק אַלץ נאָך אַ בליק.
מיט מאַטע בעלמען ווערן זיי פאַרצויגן
און כ'פּלאָנטער זיך אַהין און אויף צוריק.

ווי שווער עס זאָלן מיר נישט זײַן די לײַדן,
איך טראָג מיט מיר כסדר זיי אַרום;
פון גוטן אָנדענק איז זיך שווער צו שיידן,
הגם איך ווייס, אַז גאָרנישט קערט זיך אום.

אַ שוואַרצער וואָלקן הענגט אויף מײַנע שויבן,
איך יאָג אים און איך טרײַב אים אַלץ אַוועק.
אוי, ווי ווילט זיך שטאַרקער, פעסטער גלויבן,
אַז קומען וועלן ליכטיקערע טעג.

פּאַריז, נאָוועמבער 1944

טאַטע מאַמע האָט אַ גליק געטראָפֿן...

טאַטע מאַמע האָט אַ גליק געטראָפֿן,
זיי האָבן אויסגעלעבט די יאָרן אין דער היים;
אַ בית־עולם איז פֿאַר זיי געשטאַנען אָפֿן
און אַ קבר אין דעם היימיש־ריינעם זאַמד און ליים.

די זכיה האָבן זיי געהאַט פֿון אַ לוויה;
מען האָט, ווי עס געהערט, באַוויינט זיי און באַקלאָגט;
די טעכטער האָבן אויפֿגענייט תכריכים נײַע
און קדיש האָבן זאַלבעדריט די זין געזאָגט.

איינער נאָר איז בײַ דעם קבר נישט געשטאַנען —
דער פֿערטער זון, וואָס איז געווען שוין דעמאָלט ווײַט.
און ער האָט איצטער בלויז אין גאַנצן קלאָר פֿאַרשטאַנען,
וואָס פֿאַר אַ גליק עס איז צו שטאַרבן צו דער צײַט.

איצטער זאָגט ער נאָך זיי אַלעמען שוין קדיש,
ווי אַ פֿרומער ייִד זאָגט וואָרט בײַ וואָרט;
אין ליכט, אין שאָטן איז ער זיי מחדש —
זייער אָנדענק, זייער נאָמען, זייער אָרט.

פון די ברידער און די שװעסטער זיבן,
מיט קינדערלעך, משפּחות, גרױס און קלײן,
האָט דער גורל אים נאָר אױסגעקליבן,
צו זײַן די קרוג פון אַלעמענס געװײן.

אַז טאַטע מאַמע האָט אַ גליק געטראָפן,
דאָס גײט אים אױף אַ רגע נישט פון זין.
אױף װאָס־זשע זאָל ער איצטער װײַטער האָפן ?
אױף װאָס, אָ, גרױסער גאָט, אױף װאָסערן באַגין ?!

דעצעמבער 1944

יהושע לענדער

מיין קינדס נשמה

יעדעס מאָל ווען איך עפן די טיר,
טוליעט זיך צו מיר מײַן קינדס נשמה,
זי וויינט פאַר מיר און קלאָגט:
מען האָט פון אירע קינדער־יאָרן
די רויזן אויסגעריסן,
אַלע אירע חלומות דערהרגעט,
און דאָס האַרץ פון דער וועלט
ווערט נישט צעבראָכן.

מיטביידע הענט
נעם איך מײַן קינדס נשמה אַרום,
און איך שרײַ אויס פון מיר איר פּײַן
איר ביטערן צאָרן
פון מײַנע טיפסטע טיפענישן.
מיט מײַן גאַנצן כוח־הדיבור
שרײַ איך
צום לאַנד פון מאָרד,
וווּ קינדערישע חלומות
וואַלגערן זיך אַרום אין שטויב...

מיין קינדס בריוו

איך שרײַ אויס פון מײַנע טיפסטע טיפענישן
מײַן קינדס לעצט וואָרט —
וואָס איז אויף איר צונג
אין אירע פאַרהאַקטע ציין
געבליבן שטיין דערשטיקט...

שנײַדן זאָל עס ווי אַ מעסער
און דורך מײַן האַנט
צום תלין גרייכן.

1944

יהושע לענדער

נקמה

טויזנט טראָפּנס בלוט
פאַר יעדער איינער טרער!
ווי וואָלט געווען מיר גוט,
כ'זאָל קאָנען נעמען מער!

פאַרלאָז מיך נישט מײַן ראיה,
אָ, בלײַב געטריַ מײַן אויג —
אַ תלין פאַר דער תליה
איך טויג פאַר דעם, איך טויג!

זאָל מיר איין גליק באַגערטער,
נאָך זײַן איין בליק פאַרגינט —
ווען הוידן זיך דער מערדער
וועט אויפן שטריק אין ווינט.

אל נקמות הופיע,
אָ, גיב מיר, גיב מיר מוט!
אַ תלין פאַר דער תליה,
פאַר יעדן טראָפּן בלוט!

פּאַריז, 1944

גליקלעך איז דער מענטש

גליקלעך איז דער מענטש, וואָס לײַדט
און דורך אַ טרער געווײנט
אַ רגע רו, אַ רגע כאַטש
נאָך אַ דערמאָרדעט קינד ;

וואָס דערקענען קאָן די וועגן,
וווּ זײַן טרער פאַררינט ;
וואָס דאַרף בײַ קײנעמען נישט פרעגן,
וווּ מען טרײסט געפינט.

ווער עס קאָן נאָך שײַן נאָך בענקען
פון אַ טרוים פאַרוויגט ;
ווער עס קאָן דאָס אָרט געדענקען,
וווּ זײַן ליבסטע ליגט.

פאַריז, מאַי 1945

אין מיין פאַמיליע-גאָרטן

אין מײַן פאַמיליע-גאָרטן
געוואַקסן איז קנאָספּן פיל;
אַלץ האָבן די רוצחים צעטראָטן...
איצט טרויער איך שטאַר אין דער שטיל.

פון אַלע צעבליטע ביימער
אין גאָרטן בין איך איצט אַליין;
איך היט אים — אַ טרײַער שומר —
אַ קנאָספּ זאָל נאָך אויפבליִען שיין.

אין מײַן חרוב געוואָרענעם גאָרטן
רײַסט זיך אַ בוים צו דער שײַן.
זאָל אים כאָטש דער גורל געראָטן,
צום בליִען נאָך אויסדערוויילט זײַן.

1945

עפּיטאַף

ווי לאַנג דו וועסט לעבן,
זאָלסטו קדושים די שענסטע בילדער וועבן.

ווי צום נישט־געגאַרטן מאַרגנליכט
זאָלן דײַנע אויגן תמיד זײַן צו זיי געריכט.

פֿאַר זייער יונגן טויט דעם שווערן
זאָלסט אויף יעדן שפּאַן זיי טרײַ באַערן.

מיטלעבן זאָל זייער גײַסט אין דײַן געמיט,
אין זייער אייביקייט געפֿינסטו טרייסט, דו ייִד!

יולי 1945

דער אָנדענקשטיין

אויפן בית־עולם באַניע כ׳האָב געשטעלט אַ שטיין,
אַ שטיין פון גראַניט אַ שטומען,
פאַר מײַן פרוי און קינד זאָל ער אַן אָנדענק זײַן,
וואָס זענען פון ציקלאָן־גאַז אומגעקומען.

בײַ דער מזרח־וואַנט איך האָב געשטעלט אַ שטיין
אויף דעם פאַמיליע־קבר פון מײַן יינגסטער מומען,
כדי זיי זאָלן דאָרט נישט זײַן אַליין,
און איך, איך זאָל זיי קאָנען ברענגען בלומען.

כ׳זאָל קאָנען מײַן האַרץ אַנידערלייגן
אויפן האַרטן שוועל פון דעם שטיין ;
און מײַן קאָפּ נידעריק בייגן
פאַר אַ טויט, וואָס מען קאָן נישט פאַרשטיין.

כ׳האָב דעם בית־עולם באַניע ליב באַקומען,
די ביימער, די בלומען, אַלע יונגע צווײַגן ;
איבער אַלע ווענט פון מצבות שטומע
כ׳האָב אויסגעוויינט מיט מײַנע בלוטן.

יעדעס מאָל ווען כ׳קום צו צום שטיין,
וויש איך אָפּ פון שטויב די בילדער ;
און כ׳בלײַב פאַרשטומט דאָרטן שטיין,
אין הייליקן ציטער פאַרהילטער.

אויפן בית־עולם באַניע כ׳האָב געשטעלט אַ שטיין,
די ערשטע פון אַלע מצבות —
ער זאָל אַן אייביקער אָנדענק זײַן
פאַר די, וואָס עס פעלט זיי דער קבר...

יוני 1946

ראַדאָמער פּאַכן

א.

מײַן געבוירן־שטאָט, ראַדאָם, ראָדעם,
אָ, מײַנע יוגנט־יאָרן ווײַט פאַרוויט;
פאַרבליבן איז מיר בלויז פון דיר א פּאָדעם,
איך האָב אים צו מײַן האַרצן צוגעניט.

כ׳האָב אָנגעטון א געהער אויף מײַן אויער,
אויף מײַן אויג א פאַרגרעסער־גלאָז —
נאָר אומזיסט אַלץ זוך איך א בית־עלמין־טויער,
אומזיסט א קבר ערגעץ־ווו אין גראָז.

אין די באַקאַנטע גאַסן כ׳קאָן זיך מער נישט ווענדן,
אומזיסט זוך איך אַרום דאָרט נאָך א ייִד;
איך טראָג א זאַק מיט אַש אויף מײַנע לענדן
און מײַן שטאָט יידן טיף אין מײַן געמיט.

צו גרויס געוועזן איז מײַן היימשטאָטס קרבן,
אָ, גאָט אין הימל, וואָס פון דעם נישט ווייסט,
ווען אַפילו דו זאָלסט האָבן שוין פאַר שרעק געשטאָרבן,
קאָן דאָס אויך פאַר מיר נישט זײַן קיין טרייסט.

פאַרבליבן זענען עדות נאָר די ווענט, די ציגל,
וואָס מאָנען פון דער וועלט אַ גרויסן חוב.
מענטש, זאָל זיך דײַן האַרץ טון אַ צעריגל,
מענטש, זאָל זיך דײַן האַרץ טון אַ צעשרויף!

ב.

פאַריתומטע היימשטאָט מײַנע, ראָדעם,
כ׳וויל זינגען פון דײַנע ייִדישע פּאַכן,
נישט אויפגיין וועט מער מיט דײַן אָטעם
פון געזעלן און נייטערינס דאָס לאַכן.

ראַדאָמער פאַבריקן פון לעדער,
געקענט האָט איר גוט מײַן משפּחה און מיך,
אין שטעט און שטעטלעך און דערפער יעדער
געקענט האָט ראַדאָמער שטיוול און שיך.

זאַמלינער געסלעך, מיט אײַער ווילדן געשריי,
מיט וואָכעדיקן, פאַסטנעם רויך פון קוימען,
אײַער פרימאָרגן-לאַרם וועט מער נישט דערוועקן זיי,
די מעכטיקע גאַרבער-יונגען פון נאַכטישע טרוימען.

יהושע לענדער

וואָעל־סוחרים פון לעדער, פון מעל און פון תבואה,
שניט־סוחרים פון לובלינער און פון קאַלעכדיקן מאַרק,
בעקערס מיט גוטן ברויט, פון בערישן שמואל־יהושע,
און איר, איר טרעגערס, מיטן שטריק אַרום דעם רויטן קאַרק!

קאַמאַשן־שטעפּערס, שוסטערס, שניידערס פון מײַן שטאָט,
אײַער ווייטיק איז נאָך טיפער פון תהומען,
ווען עס האָט צו אײַך דערגרייכט דער ווילדער פּלאַן,
און אויסגעפּלאַקערט אין די פּוסטע רוימען.

פרומע ייִדן, איר פלעגט האַמערן די תפילות אין דער שול,
ווען געשלאָפן זענען נאָך אַרום די גאַסן און די ראָגן;
צי וועט אויף תמיד איצט שוין בלײַבן דאָרטן שטיל?
צי וועט אַ מאָל נאָך אָנהייבן צו טאָגן?

שטייט אויף פון דרימל, אַלע מײַנע ליבע!
איר האָרעפּאַשניקעס פון מײַן פאַרשמאַכטן דור!
און זאָגט מיר, איז עס בלויז אַ טרוים געווען, וואָס גייט אַריבער?
צי איז טאַקע מײַן ליבע חיהלע געוועזן אויף דער וואָר?...

הײמשטאָט, ס'איז פֿאַרבליבן איבער דיר אַ הימל פֿול מיט שטערן,
וואָס רופֿט, מיר זאָלן זוכן טרייסט צוזאַמען, מײַנע ברידער,
אַז אַ נײַער דור וועט קומען און מיר וועלן הערן
ווידער פֿון אַ לעבן ייִדישן געזאַנג און לידער.

פּאַריז, מערץ 1949

זונפאַרגאַנג אין חיפה

די זון פאַרגייט ווי שטענדיק,
דער טאָג ער האַלט ביים שטאַרבן ;
פורפלרויט, גאָלדיק-בלענדיק
דער מערב נעמט זיך פאַרבן.

פאַרפלייצט ווערט שטאָט און האַפן
פון דער זונס בלוטיקע פלאַמען ;
ליכט און שאָטן, ווי ניי באַשאַפן,
זיך גיסן צונויף צוזאַמען.

עס צאַנקען די לעצטע שטראַלן
אין גרינעם טאָל דעם טיפן,
אַ בלויקייט הייבט אָן פאַלן
אויף באַרג, און ים, און שיפן.

און איבער ישראל-מדינה
די שטערן פון הימלראַנד
זינגען אַ ליד דער שכינה,
דעם גאַנצן ייִדישן לאַנד.

חיפה, יוני 1949

אין מיין נייער וווינונג

אין מײַן נײַער וווינונג איז שטיל און ליכטיק,
מײַנע אָפּענע אויגן טרינקען פון דעם ליכט די שײַן.
איך קוק אַזוי, ווי אַלץ געווען וואָלט ריכטיק,
און כ׳פיל, ווי פרויען־הענט מיך ווינגן אײַן.

זיי גלעטן מיר מײַן בלאַנקן לײַב מיט פלאַטער,
יעדער ריר דערגייט מיר אינעם האַרצן טיף.
כ׳בין האַלב צופרידן, און אַ האַלבער זאַטער...
ווער דורכגעלעבט האָט דאָס, קאָן האָבן אַ באַגריף.

די פרויען־הענט מיט פינגער לאַנגע דינע
מיט אַ מאָל פאַרשווינדן פון מײַן לײַב.
איך זוך און זוך און קאָן נישט מער געפינען
די ערשטע יונגנט־נעכט און ליבע פון מײַן ווײַב.

דעצעמבער 1949

יהושע לענדער

ער וואַרט אויפן טאָג

ער וואַרט אויפן טאָג, ווי אַ שטילער מענטש באַשיידן,
וואָס וועבט זײַן לעבן פאַרבאָרגענערהייט אין געדאַנק,
און טרוימט, זײַן טרויער אין העלן צו באַקליידן
און פלאַמיק אָנצינדן דאָס ליכט, וואָס צאַנקט.

אַוועקגיין זאָל דער טרויער פון איעדן ווינקל,
אויפהערן צו דראָען זאָל ער פון דער וואַנט,
פאַרשווינדן זאָל דער סודותדיקער טונקל,
ער זאָל צום ליכט נאָר קאָנען אויסשטרעקן די האַנט.

די פרייד פון האָפענונג זאָל מער נישט זײַן פאַרשניטן,
אויפגיין זאָל זי יעדן טאָג אַלץ מערער מיט אַ לויט;
צופרידן זײַן, ווי ס'איז דער פויער נאָך אַ יאָר אַ גוטן,
ווען ער געפינט דעם טעם פון נײַעם קאָרנברויט.

יוני 1950

די אילוזיע האָט געעפנט מײַן טיר

ס'האָט דאָך די אילוזיע געעפנט מײַן טיר,
אַן אומגעריכטער בריוו איז געקומען צו מיר,
כ'האָב געלייענט, געלייענט און קוים פאַרשטאַנען,
איז פרייד אויך פאַר מיר נאָך אין לעבן פאַראַנען?

ווען מײַן באַשערטערס אויגן האָבן געטאָן פאַר מיר אַ לויכט
איז די שטאָט פון אונדזערע קינדער־יאָרן אויפגעטויכט;
מיר האָבן נישט איינער בײַם צווייטן געדאַרפט עפּעס פרעגן,
עס האָבן פאַרפלאָכטן, פאַרקניפּט זיך די וועגן.

זי האָט נישט געפרעגט, צי כ'בין רײַך אָדער אָרעם,
פאַרוואָרפענע ביידע פון זעלביקן שטורעם;
אין אונדזערע טרערן, געלײַטערט פון שוואַרץ,
מיר האָבן דערקענט פון אונדז ביידן דאָס האַרץ.

בלעטער פון לעבן זיך נעמען פאַרמישן,
אַליין זיך געגעבן די חופּה וקידושין;
געווען זענען עדות די שטערן אין הימל
אויף מײַן צווייטער חתונה, אָן מוזיק, אָן טומל.

פּאַריז, דעצעמבער 1950

יהושע לענדער

מיין איינציקע

צינד אין דיין הארצן אָן אַ שטאָלצן זעלבסטפאַרטרויען,
און האָפענונג און לוסט דיין צוקונפט אויפצובויען!

שטאַרקער נאָך און מעכטיקער ווי עברדיקע יאָרן,
שענער נאָך און פּרעכטיקער ווי בילדער פון זכרון.

ווי דעם העלן טאָג, וואָס קומט אַרונטער,
וועל איך זען אין דיר מיין צוקונפט מונטער.

און זאָלן אַלע זען אין ליכט דער זונס,
אַז עס גייט אַ לעבן אויף באַניַיט פון אונדז.

זאָל איינער פאַרן צווייטן קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן,
און גיין צוזאַמען צו אַ טרייסט און אַ פרימאָרגן.

פּאַריז, 1951

מיין הארץ

„מײַן האַרץ איז אין מזרח און איך בין אין מערב“,
ווי קאָן דאָס האַרץ פון מענטשן זײַן פאַרטאָפּלט !
פון וואָס־זשע לעבט עס ? פון זכרונות און פון האָפן,
דער צוקונפט צוגעווענדט און צום פאַרגאַנג פאַרנאָפּלט.

ווי לוסטיק, פרײלעך איז די שײנע שטאָט פאַריז !
און כאָטש איך בין שוין אַלט און ס'איז מײַן האַרץ פאַרוווּנדעט,
נאָר ס'איז די ליבע תמיד נאָך דאָס גרויסע גליק,
פאַר דעם דו שטײסט מיט דאַנקבאַרקייט פאַרוווּנדערט.

אין יעדן בלעטערגרויש און זיסע דופטן
שפּילט מײַן ליבע אירע בענקעניש־ניגונים ;
און ס'רײַסט צו איר זיך מײַן פאַרבלוטיקט האַרץ,
ווי אַ פויגל צו אַ גאָרטן שטרעבט אַ גרינעם.

מען זאָגט, די ליבע זי איז שטאַרקער פונעם טויט,
און כאָטש מײַן באָרד איז גראָ, מײַן האַרץ ווערט ווידער גלייביק.
און אויפן דנאָ פון פּײַן און לײַד איך ווייס :
דאָס לעבן זיגט און ס'איז די ליבע אייביק !

1960

אינהאלט

זייט

פירוואָרט 9

מיין קינדס בריוו 13
אויף דער שיף „קדמה“ 14
אויפן בית-עלמין פון קיבוץ מזרע 16
מיין קינדס פּאָרטרעט 20

מיין קינדס נדן 22
דאָס פארשעמטע חופה-קלייד 24
דאָס ליד פון פיטיוויע 28
אַליין 30
שניי אין דער קרעז 31
אויפן וועג קיין דראַנסי 32
אַ בריוו 33
ווי אַ פויער אָנגעקליידט 36
סדר-נאַכט 38
אין וואַלד בוא-סאָלעי 40
אין באַנגאָנער וואַלד 42
צוריק אין פּאַריז 44
אין איינזאַמקייט 46
טאַטע-מאַמע האָט אַ גליק געטראָפן 48
מיין קינדס נשמה 50
נקמה 52
גליקלעך איז דער מענטש 53
אין מיין פאַמיליע-גאָרטן 54
עפּיטאַף 55

דער אָנדענקשטיין 56
ראַדאָמער פּאַכן 58
זונפאַרגאַנג אין חיפה 62
אין מיין נייער וווינונג 63
ער וואַרט אויפן טאָג 64
די אילוזיע האָט געעפנט מיין טיר 65
מיין איינציקע 66
מיין האַרץ 67